שמח"ת)) אז דער טבע איז אז די אהבה צו א בן קטן איז בגילוי יותר. וכמבואר אויך אין ספרי הרב המגיד, אויך בתחלת וראש ספריו. וכפי שיתבאר לקמן.

בנוגע צו דעם וואס ס'האט זיך גערעדט שמע"צ ושמח"ת אז חברון איז שייך צו די לויים, האט מען געפרעגט אויף דערויף אז ס'איז דאך א פסוק מפורש אין יהושע (כא, יג) אז מ'האט דאס אפגעגעבן צו כהנים?

[ וואס דאס איז דאך א פסוק מפורש אין תנ"ך, און מ'האט געזאגט אז דאס באלאנגט צו לויים, און קיינעס הארט דאס ניט, מ'בלייבט זיצן איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו, ווייל ס'איז קיינעם ניט נוגע, נאר איינער האט געפרעגט די שאלה.

און וויבאלד אז די שאלה איז קיינעם ניט נוגע, איז דאך דער תירוץ אויך ניט נוגע. ויהי"ר אז דער וואס האט דאס יע געפרעגט, זאל דערמיט מוציא זיין אלעמען, עכ"פ אז מ'זאל ניט שלאפן ביים טיש ].

והביאור בזה: דער מקור אויף דעם אז חברון איז שייך צו לויים, איז דאך דאס די גמרא אין מכות (ט, ב ואילך). וואס דארטן פרעגט די גמרא ווי קען מען זאגן אז חברון איז א עיר מקלט (און איז שייך ללויים), ס'שטייט דאך "ויתנו לכלב את חברון" (שופטים א, כ)? און די גמרא ענטפערט אז חברון אליין איז שייך צו די לויים, און די כפרים וואס זיינען ארום חברון האט מען געגעבן צו כלב.

האט מען געבראכט שמח"ת דאס וואס דער ראגאטשאווער (למכות י, א. שו"ת צפ"ו סנ"ד) זאגט אז ערי מקלט האבן אין זיך צוויי גדרים: א גדר אין דער עיר, אז די עיר האט א כח צו קולט זיין, וואס דערפאר איז זי קולט אויך שלא לדעת; און א גדר קליטה אלס עיר השייכה ללויים, וואס דאס איז קולט דוקא מדעת (אזוי ווי די ארבעים ושתים עיר).

וואס דערמיט פארענטפערט ער דאס וואס די גמ' זאגט (זבחים קיז, א) אז זייענדיק אין מדבר האט מחנה לוי' קולט געווען, אע"פ אז אין משנה (מכות ט, ב) שטייט אז די שלש ערים שבעבר הירדן זיינען ניט קולט ביז ס'וועלן זיין די ערים שבארה"ק, ווארום ס'דארף זיין "שש ערי מקלט" - ווייל אין משנה רעדט זיך אלס גדר פון ערי מקלט, וואס דער גדר פון ערי מקלט איז דוקא ווען ס'איז דא אלע ששה ערים; משא"כ אין גמ' רעדט זיך אלס א עיר השייכת ללויים, וואס דאס איז געווען אויך אין מדבר - מחנה לוי'.

וואס דערפאר האט מען מוסיף געווען בדא"פ, אז אע"פ וואס דער דין פון ערי מקלט איז יעצט בטל געווארן, ווארום ערי מקלט זיינען נוהג דוקא כשישראל שרויים על אדמתם (חינוך מצוה תק"כ) - קען מען אבער זאגן אז א עיר השייכת ללויים זאל קולט זיין, עכ"פ מדעת. ועד"ז אויך בנוגע צו חברון.

איז אין דער זעלבער תשובה פון ראגאטשאווער (שו"ת שם. וראה צפע"נ עה"ת שופטים ע' קלו ואילך) מבואר אויך דער חילוק פון כהנים ולויים בשייכות צו ערי מקלט:

ער ברענגט דארטן די תוספתא אין בכורים (פ"א ברייתא ד) "ר' יוסי אומר הי' ר' מאיר אומר כהנים מביאין ולא קורין מפני שלא נטלו חלק בארץ, ואני אומר כשם שנטלו לויים כך נטלו כהנים",

עד"ז ברענגט ער אויך דעם ספרי (פיסקא קסח) עה"פ "וכי יבא הלוי גו'" - יכול בבן לוי ודאי הכתוב מדבר ת"ל וכו', ד.ה. אז "וכי יבא הלוי" מיינט מען די כהנים, וואס זיי האבן ניט קיין חלק בארץ.

- און -



הנחת הת' בלתי מוגה

און איז מבאר, אז דער אופן הבעלות פון כהנים אויף ערי מקלט איז דאס נאר א בעלות פונעם "תואר", ד.ה. אז דער תואר פון כהונה האט זוכה געווען אין דערויף, אבער יעדער כהן (אלס איש, ניט אלס תואר הכהונה) האט ניט קיין בעלות אויף דעם, און דערפאר "אם כהן יש לו בנים חללים אין נוטלים חלק אביהם", ווייל די בעלות איז ניט באופן ד"נחלה" וואס איך לה הפסק (ר"ה יב, ב), נאר מצד דעם תואר הכהונה, און ביי א חלל פעלט אין תואר הכהונה; משא"כ די לויים האבן א בעלות אויף דערויף אין אן אופן פון נחלה (ניט אלס דעם תואר).

וואס עפי"ז איז מובן אז די מחלוקת צי כהנים מביאין וקורין אדער ניט, איז ניט צי זיי האבן א נחלה אין א"י, נאר די מחלוקת איז צי דאס וואס זיי האבן א דירה איז גענוג אז ס'זאל קענען זיין מביאין וקורין, אדער מ'דארף טאקע האבן א נחלה בארץ.

וואס די הסברה בזה איז, לפי הידוע אז ס'איז דא מתנות וואס די לויים דארפן געבן צו די כהנים, וואס דערפון איז מוכח אז בא זיי איז דער ענין פון "ה' הוא נחלתו" (דברים יח, ב) מערער ווי ביי לויים, און דערפאר האבן זיי ניט קיין נחלה אין ארץ ישראל.

נאר וויבאלד אז זיי דארפן דאך זיין אין א"י, האט מען זיי געגעבן א מקום דירה, וואס דאס איז וואס ער זאגט אין פסוק אז מ'האט געגעבן די כהנים חברון - נאר לדירה, עד"ז איז געווען נוב עיר הכהנים, און ענתות, וואס דארטן האבן געלעבט די כהנים, אבער זייער שייכות מיט די ערים איז נאר הערמיט וואס זיי האבן דארטן א דירה, אבער דאס איז ניט זייער נחלה.

און וויבאלד אז אלע ארבעים ושמונה עיר האט מען אוועקגעגעבן צו די לויים (יהושע שם מב); און לאידך גיסא, איז די בעלות אויף דעם ניט ביי די כהנים כאמור - איז מובן אז די בעלי-בתים פון חברון זיינען די לויים.

איז בשעת מ'רעדט וועגן די בעלות אויף חברון, איז בנוגע א כהן קען מען דאך ניט זיין זיכער, אפשר איז געווען עפעס צווישן (א חלל וכיו"ב) - משא"כ בנוגע א לוי איז אפי' א לוי פסול אויך יורש, ווארום ביי לויים איז דאך דאס א נחלה (ניט אלס תואר פון לוי'),

און דא איז ניט נוגע דער ענין הדירה, ווייל בפועל לעבן דאך דארטן אראבער, און וויבאלד אז זיי זיצן דארטן נאך פון פריער (ניט אז מ'האט זיי איצטער אריין געלאזט), איז ניט שייך דער ענין פון "לא תחנם" (לא תתן להם חני' בארץ (ע"ז כ, א)) - ווייל איצטער איז אין יד ישראל תקיפה, און דאס איז נאר אן ענין פון שב ואל תעשה -

איז וויבאלד אז ס'איז נוגע דער ענין הבעלות, האט מען דעריבער געזאגט אז צו דער הקפה זאלן גיין די לויים, און מכריז זיין אז זיי זיינען די בעלי-בתים פון חברון, און קיינער האט אויף דעם ניט קיין בעלות חוץ זיי.

בנוגע צו דעם הדרן אויף מס' ר"ה, האט מען גערעדט (בשיחת יום שמח"ת) די צריכותא פון די פלוגתות צווישן ר"ג מיט רבנן בנוגע תפלה, און תשובה (סענו בחטים כו') און צדקה (אף שסברת כל המחלוקות היא - מה מכריע: כמות או איכות), איז עד"ז פאראן א צריכותא אין די מחלוקת בנוגע תורה:

די מחלוקת אין תורה איז דאך ווי גערעדט (בשיחת ו' תשרי) - דאס וואס די גמ' זאגט אין ברכות (כח, א), אז ר"ג האט געהאלטן אז תלמיד

- שאין -

מפרסם זיין זייערע נעמען.

וואס דאס איז נאר בתור הוספה, און מ'זאל דאס ניט ארייגשטעלן אין דער שאלה, ווארום מ'וועט זיך ארויסדרייען פון ענטפערן אויף די שאלה, און מ'וועט זיך טשעפען נאר צו דעם.

און דער אמת איז דאך אז זיי האבן שוין געענטפערט אויף די שאלה, ווארום מ'ווייסט דאך צו וועלכען דאקטער איז ער אליין געגאנגען, און צו וועלכען דאקטער שיקט ער בשעת איינער קומט ביי אים פרעגן אן עצה!

און מכאן ולהבא איז יעדער רב, אדער אן איגוד פון רבנים (מ'מיינט ניט דוקא אגודת הרבנים, נאר יעדן ארט וואו ס'איז דא כמה רבנים צוזאמען), זאל ביי זיי ניט זיין די הנהגה פון כבשו פניהם בקרקע און שהקי רבנן, נאר זיי זאלן ענטפערן אויף די שאלות:

די ערשטע שאלה בנוגע צו א חטוף וואס איז געווען אין אנטעבע, בשעת ער קומט אהינצו צי ער דארף מאכן ברכת הניסים אדער ער טאר ניט — וואס דאס איז אן ענין וואס איז ניט נוגע צו יעדערן, אבער דאס איז אן ענין אין תורה, און ס'דארף זיין א פס"ק להלכה;

און די צווייטע שאלה וואס איז נוגע צו יעדער איד בכל מקום, סיי אין ברוקלין, אין מנהטן, אין לונדון, און אין מלבורן וכו' — בשעת א איד דארף אנקומען צו א רופא, צי ער דארף גיין צו א רופא מומחה, אע"פ וואס ער איז ניט קיין יר"ש, און פארלאזן זיך אז דער אויבערשטער וועט אים שיקן די רפואה דורך דעם רופא, אדער ער זאל זיך נאך פרעגן וועגן זיין יר"ש (אע"פ וואס ער איז ניט קיין מומחה), און וועט זיך פארלאזן אז דער אויבערשטער וועט שיקן די רפואה אויך דורך דעם רופא שאינו מומחה, ווארום "ורפא ירפא" — מכאן שניתנה רשות לרופא לרפאות (ברכות ס, א), איז דאך ניט קיין נפק"מ צי דאס איז א קליינער רופא אדער א גרויסער רופא, דער עיקר איז אז ער האט מקיים געווען דאס וואס ס'שטייט אין פסוק — און זאלן די רבנים פסק'נען ווי אזוי דארף זיך א איד פירן אין דעם ענין עפ"י שו"ע.

און אז זיי וועלן פסק'נען ווי דער דין איז בנוגע צו רפואה, זאלן זיי אויך מסביר זיין אין אן אופן אז ס'זאל זיין פארשטאנדיק צו פשוט'ע בעה"ב, און דרושים און רמזים וכו' — וואס איז דער חילוק צווישן א שליחות פון דעם אויבערשטן וואס ער איז דער רופא חולי עמו ישראל — דורך דעם רופא, מיט די שליחות פון דעם אויבערשטן דורך דעם וואס האט מציל געווען נפשות, אפי' א נפש אחת מישראל, עאכו"כ אז מ'האט מציל געווען הונדערטע אידן, וואס ביי דעם ענין פון רפואה רעדט זיך וועגן א יחיד, און דא רעדט זיך וועגן א הצלה פון הונדערטע אידן.

ויה"ר אז אין דעם ענין עכ"פ זאל זיין א פס"ד ברור ואמיתי און באמת לאמיתו, און ס'זאל זיין שלום על ישראל, ומכאן ולהבא וועט מען זיך גרייטן צו מקבל זיין פני משיח צדקנו, אלע אידן צוזאמען, סיי די אידן וואס זיינען אזוי ווי אן אתרוג, סיי די אידן וואס זיינען אזוי ווי א לולב, סיי די אידן וואס זיינען אזוי ווי אן הדס, און סיי די אידן וואס זיינען אזוי ווי אן ערבה — אין אן אופן פון אגודה אחת,

ובקרוב ממש וועט מען זוכה זיין אז ס'זאל זיין "ושמחתם לפני ה' אלקיכם" אין ביהמ"ק, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

ס. בהמשך צו דעם וואס מ'האט גערעדט פריער (שיחה ו') וועגן הליכה ברגלים, וואס דער ענין בזה איז, אז אפי' דער חלק הכי תחתון שבגוף — וואס דאס איז דער רגל — איז מען אים משעבד צום רצון פון דעם אויבערשטן,

— און —

און מ'טוט דאס אין אן אופן פון שמחה, ביז אין אן אופן פון ריצה און דילוג וקפיצה וריקוד,

און דורך דעם וואס עבודתו הרוחנית איז אין אזא אופן, גיט אים דער אויבערשטער אין אן אופן פון מדה כנגד מדה, אז ער זאל טאנצן פון רוב טוב גשמי וואס דער אויבערשטער וועט אים געבן אין בני חיי ומזוני רויחי, ביז אז ס'וועט זיין אמירת שירה, און ניט נאר דער ענין פון ריצה, נאר דילוג וקפיצה וריקודים.

וכאן המקום צו פארבינדן דאס מיט דעם ענין פון חברון, וואס מ'האט גערעדט פריער (ליל שמע"צ בעת ההקפות) אז חברון איז שייך צו די לויים.

וואס אין חומש ווערט דערציילט א דבר פלא, אז כלב בן יפונה איז געווען דער איינציקער פון דור המדבר וואס האט באקומען א חלק בארץ - "ולו אתן את הארץ אשר דרך בה ולבניו" (דברים א, לו), וואס הארץ אשר דרך בה גייט דאס אויף חברון (פירש"י), ווארום ער איז געגאנגען משתטח זיין אויף קברי אבות (פירש"י שלח יג, כב), און דערפאר האט דער אויבערשטער געזאגט "והביאותיו אל הארץ אשר בא שמה וזרעו יורישנה" (שם יד, כד).

וואס בנוגע צו חברון זאגט די גמרא (מכות ט, ב) אז חברון איז געווען א עיר מקלט, וואס די ערי המקלט זיינען געווען שייך צו די לויים (מסעי לה, ו).

פרעגט די גמרא (שם י, א) ווי קען מען זאגן אז חברון איז א עיר מקלט (און זי איז שייך צו די לויים) - "והכתיב ויתנו לכלב את חברון כאשר דבר משה" (שופטים א, כ)? ענטפערט די גמרא "אמר אביי פרוודהא דכתיב ואת שדה העיר ואת חצרי' נתנו לכלב" (אז די שטאט אליין האט מען געגעבן צו די לויים, און די כפרים וכו' וואס זיינען געווען ארום די שטאט, האט מען דאס געגעבן צו כלב'ן).

וואס לכאו' איז דאס ניט פארשטאנדיק: ווי קען מען זאגן אז כלב האט באקומען נאר די כפרים וואס זיינען ארום חברון - אין פסוק שטייט דאך "ולו אתן את הארץ אשר דרך בה", וואס דאס איז דאך געווען מערת המכפלה, האט ער געדארפט באקומען מערת המכפלה, און ניט די כפרים וואס זיינען ארום חברון?

איז דער ביאור בזה: די ששה ערי מקלט, און די ארבעים ושתים עיר וואס מ'האט געגעבן צו די לויים, שטייט ניט אז מ'האט דאס גלייך געגעבן צו די לויים, נאר פריער האט מען דאס געגעבן צו אידן, און אידן האבן דאס געדארפט אוועקגעבן צו די לויים (מסעי לה, ב), וואס עפי"ז איז מובן אז כלב האט באקומען די שטאט חברון, און דערנאך האט ער דאס אוועקגעגעבן צו די לויים.

נאר די קושיא פון גמרא איז, וויבאלד אז ס'שטייט אין פסוק "וזרעו יורישנה" - איז אויב מ'וועט זאגן אז כלב האט דאס באקומען, און דערנאך האט ער דאס אוועקגעגעבן צו די לויים, קען דאך ניט זיין דער "וזרעו יורישנה"?

וואס ביי ערי הלויים שטייט דאך "גאולת עולם תהי' ללויים" (בהר כה, לב), וואס אזוי איז דאך דער דין אז אויב איינער פארקויפט א שדה צום צווייטן, קערט זיך דאס אום צוריק צום בעה"ב ביובל, משא"כ בשעת א לוי פארקויפט, דארף מען מבטל זיין די מכירה נאך פארן יובל, עס גייען אראפ אלע הגבלות, און דאס איז אין אן אופן פון גאולת עולם - דער עיקר איז אז ס'זאל אנקומען צוריק צו די לויים, קען מען דאך ניט זאגן אז כלב האט

- דאס -

דאס געַ׳ידש׳נט אין אן אופן אז "וזרעו יורישנה", בשעת אז מ׳האט דאס געגעבן צו די לויים אין אן אופן פון גאולת עולם?

און אויף דערויף ענטפערט די גמרא אז נאך דערויף וואס מ׳האט געגעבן די ערי מקלט (אויך חברון) צו די לויים, האט כלב באקומען אין אן אופן פון ירושה - די כפרים וואס זיינען ארום חברון (לכתחלה האט ער באקומען אויך חברון, ווארום דאס איז די ארץ אשר דרך בה, אבער דאס האט ער ניט באקומען אין אן אופן פון ירושה, ווארום דערנאך האט ער דאס געגעבן צו די לויים; אבער די כפרים וואס זיינען געווען ארום חברון, דאס האט ער באקומען אין אן אופן פון ירושה).

דערנאך איז דא נאך א חידוש בנוגע צו חברון:

ס׳איז דא א דין בנוגע צו ערי מקלט אז זיי זיינען ניט קולט ביז ס׳וועלן זיין אלע ששה ערים, ווארום ס׳שטייט "שש ערי מקלט תהיינה" - עד שיהיו ששתן קולטות כאחת (מכות ט, ב).

פרעגט אויף דערויף דער ראגאטשאווער (למכות י, א. שו"ת צפ"ו סנ"ד) ווי זאגט די גמרא (זבחים קיז, א) אז זייענדיק אין מדבר האט מחנה לוי׳ קולט געווען - ערי מקלט זיינען דאך ניט קולט ביז ס׳וועלן זיין אלע ערי מקלט, און זייענדיק אין מדבר זיינען דאך ניט געווען די ששה ערי מקלט, און ווי האט מחנה לוי׳ קולט געווען?

ענטפערט ער, אז אין ערי מקלט זיינען דא צוויי גדרים: א) דאס וואס ס׳איז ערי הלויים, ב) דאס וואס ס׳איז א עיר מקלט. וואס דער חילוק צווישן זיי איז, אז א עיר מקלט איז קולט בין לדעת בין שלא לדעת, משא"כ ערי הלויים זיינען קולט נאר מדעת.

וואס דערפאר איז מחנה לוי׳ שבמדבר האט טאקע ניט געהאט קיין גדר פון א עיר מקלט, ווארום ס׳דארף זיין די ערי מקלט אין א"י וכו׳, אבער דאס האט געהאט דעם גדר פון ערי הלויים (- מחנה לוי׳), איז אזוי ווי די ארבעים ושתים ערי הלויים זיינען קולט עכ"פ מדעת, אזוי האט מחנה לוי׳ שבמדבר קולט געווען מדעת.

וואס דער דין פון ערי מקלט איז דאך פארבונדן מיט זמן שהיובל נוהג, און כל יושבי׳ עלי׳ (חינוך מצוה תק"כ), וואס דער ענין פון שמיטה האט זיך אנגעהויבן בשעת מ׳איז אריין אין א"י - "כי תבואו אל הארץ .. ושבתה הארץ" (בהר כה, ב), אבער איידער מ׳איז אריין אין א"י, איז ניט געווען דער ענין פון שמיטה, עאכו"כ אז ס׳איז ניט געווען דער ענין פון יובל,

קומט דאך אויס אז מחנה לוי׳ שבמדבר האט ניט געהאט קיין דין פון א עיר מקלט, ווארום ס׳איז ניט געווען יובל וכו׳, אעפ"כ האט דאס קולט געווען מדעת אלס ערי הלויים, אזוי ווי די ארבעים ושתים עיר,

וואס דערפון קומט ארויס א דבר נפלא בנוגע צו חברון, אז אפי׳ בזמן הזה וואס ס׳איז ניטא קיין שמיטה ויובל, און ס׳איז ניטא דער דין פון ערי מקלט, בלייבט אבער דער גדר פון ערי הלויים, וואס דערפאר איז חברון קולט עכ"פ מדעת אויך בזמן הזה, מצד דערויף וואס דאס איז עיר הלויים.

וואס דער ענין (אז חברון איז קולט עכ"פ מדעת גם בזמן הזה) איז נוסף אויף דערויף וואס וויבאלד אז דאס איז שייך צו די לויים, איז דאס אין אן אופן פון "גאולת עולם".

- נוסף -

נוסף על כללות הענין אז א"י איז אה"ק, און אפי' או"ה רופן איר אויך אן "הולי-לאנד" אדער "סוויאשטשאנאיא זעמליא", ווארום די גוים ווייסן אויך אז דאס איז ארץ הקודש.

און ס'וועט ניט העלפן קיינע טענות פון פאליטיקע און דיפלומטיא, און וועלן מותר זיין אויף דעם אדער אויף דעם וכו' - ווארום מ'קען ניט משנה זיין דעם אמת, וואס דער אמת איז אז א"י איז ארץ הקודש, און זי איז פארבונדן מיט אידן וואס זיינען גוי קדוש, וואס אתה בחרתנו מכל העמים, און ווי דאס איז בנוגע צו ברכת הארץ, אז גויים זיינען ניט מצליח און האבן ניט קיין ברכה אין אה"ק, ווי רש"י ברענגט בפירושו עה"ת (בחוקותי כו, לב), ועאכו"כ ווי דאס איז ע"ד ההלכה.

און אין אה"ק גופא זיינען דא פיר עיירות וואס ווערן אנגערופן "עיר הקודש", וואס איינע פון זיי איז דאך חברון.

ובפרט עפ"י הידוע אז דער מיטעלער רבי האט זיך משתדל געווען און האט מצליח געווען צו באקומען א נחלה אין חברון.

וואס דאס קומט בהמשך להמדובר בשמע"צ (בעת ההקפות) אז מ'זאל מכריז זיין גלוי לעין כל במעמר עשרה מישראל, וואס עפ"י תורת אמת איז דאך דאס דער פרסום הכי גדול - אז חברון איז א עיר וואס איז שייך צו די לויים, און ישראלים און אפי' כהנים האבן ניט קיין בעה"ב'שקייט אויף חברון (ראה שיחת ש"פ בראשית) - עאכו"כ אז גויים האבן ניט קיין בעה"ב'שקייט אויף חברון - מערניט ווי די לויים.

עס דארף טאקע זיין בדרכי שלום וכו', און אל תדחקו את הקץ, און ס'איז דא די שלש שבועות (כתובות קיא, א), און וויבאלד אז מ'געפינט זיך נאך אין גלות, אויך זייענדיק אין א"י, דארף זיין "ודרשו את שלום העיר גו'" (ירמי' כט, ז), און מפרנסים עניי עכו"ם ווי די גמרא זאגט אין גיטין (סא, א) - אבער ר"ל צוגעבן באופן רשמי א חלק ונחלה אין חברון צו אזא וואס איז ניט קיין לוי, עאכו"כ צו א גוי.

און דאס וואס מ'זאגט אז דער גוי וועט זיך אויפרעקן - איז דעם גוי נארט מען ניט אפ, ווארום דער גוי ווייסט אז "כי ביצחק יקרא לך זרע" (וירא כא, יב) וואס דאס קומט צו ממעט זיין ישמעאל, און מ'איז נאך מדגיש בדוקא אז ניט ישמעאל.

ובפרט בנוגע צו מערת המכפלה, וואס דאס האט דאך אברהם אבינו אפגעקויפט פאר ארבע מאות שקל כסף עובר לסוחר (חיי שרה כג, טז), און אין חושב"כ שטייט "גרש את האמה הזאת ואת בנה כי לא יירש גו'" (וירא כא, י), וואס דאס איז דאך א פסוק אין תושב"כ וואס אפי' הצדוקים מודים בו, ביז אז מ'האט דאס מעתיק געווען עפ"י ריך אין אן אופן פון באר היטב - בשבעים לשון (פירש"י תבוא כז, ח), כדי אז או"ה זאלן דאס אויך קענען פארשטיין, איז צווישן די פסוקים פון תושב"כ שטייט דער פסוק "גרש את האמה הזאת ואת בנה כי לא יירש גו'", וואס דערפון איז מובן אז ישמעאל האט קיין שייכות ניט מיט מערת המכפלה.

און מ'דארף גאר ניט ווארטן אויף שפעטער, אפי' נאך קודם מ"ת, און איידער ס'איז געווען דער אתה בחרתנו מכל העמים, איז דאס געווען רכושו הפרטי פון אברהם אבינו, און דאס איז שייך צו אים אפי' מצד דינא דמלכותא - איז ווי די חשיבות פון ישמעאל זאל נאר זיין, "לו ישמעאל יחי' לפניך" (לך לך יז, יח) - שטייט דאך אבער "וישלחם גו' קדמה אל ארץ קדם" (חיי שרה כה, ו), און די גאנצע ירושה פון אברהם, האט אברהם אליין אפ געפסק'נט אז אלע זיינע נכסים זאלן זיין פאר יצחק (שם ה).

- במילא -

במילא איז ניט נוגע דער ענין פון מ"ת, און ס'איז ניט נוגע קיין ענינים פון פרומקייט - דאס איז אן ענין מצד דינא דמלכותא דינא, וואדרוס אברהם האט דאס אפגעקויפט, און דער יורש פון אברהם איז יצחק, און אין יצחק גופא איז ביצחק ולא כל יצחק (נדרים לא, א).

און ס'איז דאך דא די אנשי הצבא וואס געפינען זיך אין חברון וסביבותיה, וואס זיי שטעלן זיך אוועק אין א סכנה כדי צו מגין ומציל זיין אז לא יאונה כל און צו די אידן וואס קומען און וואס געפינען זיך אין חברון, און הלואי וואלטן זייערע מפקדים געוועזן אזוי ווי זיי, וואלט ניט געווען קיין ענינים פון תסבוכת און שוועריקייטן וכו'.

ויה"ר אז עכ"פ מכאן ולהבא זאל דאס זיין ווי ס'דארף צו זיין, ובפרט אין חברון ובנותיה, און אין ירושלים העתיקה.

און מ'זאל זאגן לחיים, צוזאמען מיט א יישר כח, פאר די וואס זיינען מגין אויף אידן, סיי אין דער שכונה, און אין אלע עיירות וואו אידן געפינען זיך, וואס זיי זיינען די מגינים עפ"י דרך הטבע, וואס דאס איז דאך דער לבוש וואס דער "לא ינום ולא יישן שומר ישראל" וויל אז ס'זאל דורכגיין דורך דעם לבוש.

און דורך דעם וואס מ'וועט מוסיף זיין אין רוחניות, אז ס'זאל זיין "והי' מחניך קדוש", וועט זיין דער "כי ה' אלקיך מתהלך בקרב מחניך להצילך גו'" (תצא כג, טו), וואס די הכנה דערצו איז דער ענין פון "והי' מחניך קדוש".

און דורך דעם וואס מ'וועט מוסיף זיין אין דעם "והי' מחניך קדוש", וועט דאס מוסיף זיין א קדושה גלוי' אין "ארץ אשר גו' עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה".

וכידוע דער פתגם פון רבותינו נשיאינו (לקו"ש ח"ב ע' 621) "מאך דא א"י" - אז וואו א איד געפינט זיך, דארף ער דארטן מאכן א"י.

ביז ווי די גמרא זאגט אין סוף כתובות (קיא, א) כשם שאסור לצאת מא"י כך אסור לצאת מבבל, ווי דער מאירי (שם) איז מבאר אז "כל מקום שחכמה ויראת חטא מצויין שם דינו כא"י", ביז אז מ'טאר ניט ארויסגיין פון בבל, דערפאר וואס דארטן איז דא חינוך הכשר און קיום התומ"צ, ווערט דאס אן ארץ אשר עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה.

און די אלע ענינים צוזאמען, וועלן מקרב זיין די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וואס דעמולט וועט מען מיטנעמען אלע בתי כנסיות און בתי מדרשות, און מ'וועט זיי אריבערפירן ווי זיי זיינען אין אה"ק, ובקרוב ממש.

י. מפני קוצר הזמן וואס מ'דארף דאך דאווענען תפלת ערבית, וועט מען דערמאנען עכ"פ די נקודה בנוגע צו דעם ענין פון קרן השנה, וואס די פרטים שבדבר זיינען דאך ידוע ומפורסם.

עד"ז בנוגע צו די ג' שיעורים וואס זייער ר"ת איז חת"ת, וואס דאס מיינט דאך אז מ'זאל לערנען יעדן טאג דעם שיעור פון חומש, ביום ראשון פון אנהויב ביז שני, ועד"ז בשאר הימים, ועד"ז בנוגע צו שמח"ת, האט מען דאך געדארפט לערנען גאנץ פ' ברכה, פון יום ראשון ביז סיום הפרשה, און אויך פ' בראשית פון אנהויב ביז שני. און די וואס האבן דאס נאך ניט געטאן, זאלן זיי דאס משלים זיין אין די שעות און די ימים שלאח"ז.

- עד"ז -



הנחת הת' בלתי מוגה